פרשת
וישב
שנת תשפ"ה

גליון י"א

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות
מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

## מאמר: 'האין - שורש העליון' (ב)

### זיך מדבק צו זיין אינעם 'שורש'

ביטול צום שורש העליון איז דער מערסט שכל'דיגער מהלך החיים | **דער גאנצער בוים איז שוין געווארן אויסגעפלאנט פון אנהייב** | א צווייג קען נישט זיין אן עפל און אן ארעמאן קען נישט זיין אן עושר | **ס'איז נישט לאגיש צו ווילן אנדערש פון דער מציאות** | יעדער טויש פאדערט משנה צו זיין סדרי בראשית | **א טעות איז בעצם אויך א לכתחילה** | ממליך זיין דעם אויבערשטן מיט א תמימות | **פארשטיין צו דינען דעם אויבערשטן אן פארשטיין** | אינעם שורש העליון איז אלעס קריסטאל קלאר

### א

## די בריאה איז כולו טוב

### א פרישער דערהער אין ביטול

אינעם פריערדיגן גליון האבן מיר געניצט דעם משל פון א בוים צו באקומען א שטיקל השגה וואס דאס הייסט 'שורש העליון', און מיר האבן מסביר געווען אז כאטש דער בוים באשטייט פון אזויפיל צווייגן, בלעטלעך און פירות, קומט אבער אלעס ארויס פון איין קערנדל, וואס דארט, אינעם קערנדל, איז נישט פארהאן קיין שום שינוי.

יעצט וועלן מיר צוזאמשטעלן א קלאר בילד וואו דאס איז נוגע צו אונזער ענין, ממש אויף טריט און שריט, לגבי דער נושא פון 'ביטול', וואס דאס איז די מידה פון 'אַיִן', פון וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער, און וויאזוי מען איז זיך מבטל צום 'שורש העליון'.

### ביטול איז שכל'דיג אויסגעבויט

קודם לאמיר דא קלארשטעלן אז ווען מיר זענען יעצט מסביר 'שורש העליון' און דעם ביטול דערצו, רעדן מיר נישט פון קיין נייעם ביטול אדער העכערער מדריגה פון ביטול, נאר מיר רעדן ווייטער איבער ביטול צום רצון פונעם בורא כל עולמים, וואס ער איז אונזער 'שורש'.

נאר אונזער כוונה דא איז, אז אנשטאט א מענטש זאל אנקוקן ביטול בלויז ווי נאך אן עבודה וואס דער אויבערשטער פארלאנגט פון אונז, צי מען פארשטייט יא צי מען פארשטייט נישט, וואס דאס איז דער אמת אז מיר דארפן זיך מבטל זיין צום רצון הבורא אפילו אויב מיר פארשטייען עס נישט בכלל; דאך אבער זאל דער מענטש ארויסהאבן און פארשטיין מיט לאגיק און שכל אז ביטול איז זייער א קלארע, אויסגעבויטע, שכל'דיגע זאך. [זע תוספת נופך אות א'].

ווען א מענטש פארשטייט און האט דאס ארויס, ווערט גרינגער זיך איינצוגעוואוינען דערצו, און ווי מער א מענטש דערהערט דאס און נעמט עס אריין אין זיך, ווערט אים כמעט זיין אוממעגליך צו טראכטן אנדערש, און דאס איז אזוי אין יעדער נושא.

### ווען דער צווייג איז אומצופרידן

לאמיר צוריקגיין צו אונזער משל, און לאמיר זיך פארשטעלן אז דער בוים האט פלוצלינג באקומען שכל; ער איז געווארן אן 'עץ הדעת', און אלע חלקים פונעם בוים האבן אנגעהויבן אריינטראכטן פארוואס זיי געפינען זיך דא און וויאזוי זיי קענען זיך פארבעסערן זייער עקזיסטענץ.

ויהי היום, דער צווייג איז געווארן

צעבראכן ביי זיך פארוואס ער איז נישט זיס אזוי ווי די פרוכט, און ער באשליסט אז עס איז נישט קיין תכלית צו בלייבן א פשוט'ער, ברוינער צווייג. ער וואלט אזוי שטארק געוואלט זיין אן עפל.

דער עפל איז גראדע אויך נישט צופרידן מיט זיין פלאץ, וואס איז אזוי הויך אויפ'ן צווייג וואו ער הענגט אזוי נעבעכדיג און ער קען אין יעדער מינוט אראפפאלן. און בכלל, פארוואס קומט זיך אים אז מענטשן זאלן אים אראפרייסן און אים אויפעסן און פארטיליגן? ער וואלט געקענט באשטיין צו זיין אביסל נענטער צום שטאם און זיך פילן מער פארזיכערט מיט א לאנג לעבן...

די בלעטער זענען אויך פול מיט טענות, היתכן אז זיי זענען אזוי בייגעדיג און שוואך. אזוי איז דער מצב אויפ'ן בוים געווארן זייער דערביטערט, יעדער איז אריינגעפאלן אין א מרה שחורה. קיינער איז נישט געווען צופרידן, און יעדער האט זיך נאר געוואלט זען ערגעץ אנדערש.

די גאנצע מעשה איז טאקע בלויז א דמיון, אבער אויב ס'וואלט געווען שייך אז אזא זאך זאל פאסירן, הערט זיך עס זייער אומלאגיש. קיין איינער וואלט נישט פארשטאנען א צווייג וואס וויל זיין אן עפל, און אוודאי וועט קיינער נישט טראכטן אז מען וואלט געדארפט אנדערש אויסשטעלן דעם בוים, למשל לייגן די בלעטער און די פרוכט אונטן, און דעם שטאם אויבן אין דער לופטן. ס'איז דאך נישט שייך אזא זאך.

## און ביי מענטשן איז דאס יא לאגיש?

עס הערט זיך מאדנע ווען מען רעדט פון א בוים, אבער אין אונזער טאג-טעגליך לעבן טרעפן מיר זיך נישט איינמאל אן אין פונקט אזעלכע סארטן מצבים.

עס איז מעשים בכל יום אז א איד ווערט דערביטערט פארוואס פאר א צווייטן גייט בעסער ווי פאר אים; צי א כולל יונגערמאן ווערט דערשלאגן ביי זיך פארוואס ער איז נישט מצליח ארויסצוגעבן אזעלכע שיינע חיבורים ווי זיין חבר; צי איז דאס א בחור וואס זיין הארץ קלעמט אים פארוואס ער האט נישט געטראפן אזא גערעכטענעם שידוך ווי זיין ברודער; צי איז דאס א יונגערער בחור וואס איז באמת צעבראכן פארוואס ער כאפט נישט אזוי גוט אויף דעם שיעור ווי אלע אנדערע חברים ביים שיעור.

אזוי זענען דא הונדערטער און טויזנטער ביישפילן ווי מענטשן גייען ארום צעקלאפט, צעבראכן, געפאלן און געשלאגן, און אלעס דרייט זיך ארום איין איינציגער זאך: ער איז נישט צופרידן מיט דער מציאות פון זיין לעבן. "פארוואס בין איך נישט אזוי קלוג, רייך, געלונגען ווי פלוני אלמוני?"

אבער אפילו אזעלכע וואס זענען יא צופרידן מיט זייער אייגענער מציאות אינעם לעבן, קומען אויך גאנץ אפט אן צו פארשידענע מצבים אין זייער לעבן וואס דריקט זיי אויפ'ן הארצן. ווען זיי זענען דורכגעפאלן מיט עפעס, אדער עפעס גייט נישט ווי זיי האבן געוואלט, און זיי ווילן נישט משלים זיין מיט דער מציאות.

לאמיר זיך אפשטעלן און טראכטן א מינוט, וויאזוי קוקן מיר אן דעם צווייג וואס ווערט פלוצלינג אומצופרידן פון זיין פלאץ אויפ'ן בוים? מיר פארשטייען אז ער רעדט נישט צו דער זאך, און דערפאר איז טאקע א גוטע זאך אז א צווייג קען נישט טראכטן... אבער וואס זענען מיר אנדערש, אז מיר מיינען אז ביי אונז איז דאס יא לאגיש?

יעדער איינער פארשטייט אז נאך איידער דער בוים האט זיך בכלל אנגעהויבן צו אנטוויקלען, איז ער שוין געווען אינעם קערנדל אויסגעשטעלט פונקטליך אזוי ווי ער קוקט יעצט אויס, ממש אן קיין שום שינוי! פון דער ערשטער רגע אן איז דער בוים באשטימט צו שטיין מיט א פעסטן שטאם פון אונטן און מיט גרינע בלעטער פון אויבן. קיינעם פאלט נישט איין דאס צו טוישן, און קיינער קען דאס ניטאמאל טוישן, ווייל 'דאס איז דער בוים', דאס איז דאס בעסטע פאר'ן בוים, פונקטליך וויאזוי ער קוקט יעצט אויס ממש.

פונקט אזוי ווי דעם שיינעם בוים – אזוי זענען אלע ברואים אויף דער וועלט. פון דער ערשטער רגע אן איז אלעס באשאפן געווארן צו זיין אויסגעפארעמט פונקטליך - אבער פונקטליך! - אזוי ווי עס קוקט יעצט אויס, אן קיין שום שינוי.

אין אנדערע ווערטער, אויב דער צווייג זוכט זיך א טויש, ער וויל ווערן אן עפל, וועט ער מוזן טוישן דעם סיסטעם וואס הייסט 'בוים', און אנהייבן פונדאסניי איינצושטעלן א נייעם סיסטעם. און דאס איז עפעס וואס איז אוודאי נישט מעגליך פאר'ן צווייג צו טון, ווייל ער איז נישט דער שורש פונעם בוים.

## עס טוישט זיך נישט, ווייל עס קען זיך נישט טוישן

ביי בריאת העולם האט שוין דער אויבערשטער אויסגערעכנט אלע פונקטליכע דעטאלן פון אלע ברואים און יצורים אויף דער וועלט, מסוף העולם ועד סופו. ער האט זיי שוין אויסגעפארעמט מיט זייער געשטאלט און קאליר, און ער האט יעדן איינעם געגעבן זיין ספעציעלן פליכט, וואס נאר ער אליין קען און דארף צושטעלן פאר דער גאנצער בריאה. [זע תוספת נופך אות ב'].

כדי צו טוישן אפילו דעם קלענסטן דעטאל אויף דער וועלט, דארף קודם געשען 'א נייע בריאת העולם' פון אלעס, אלעס! פון די העכסטע עולמות, ביז די קלענסטע באשעפענישן פון דער נידריגסטער וועלט.

עס איז אמת טאקע אז מיט די פליישיגע אויגן זעט מען נישט קיין גרויסע נפקא מינא צי יענקל איז א רייכער און זושא איז צופעליג אן ארעמאן. וואס איז א חילוק? ער איז אזוי און ער איז אנדערש. עס דאכט זיך אז עס וואלט פונקט אזוי געקענט זיין פארקערט. וואס וואלט שוין געווען אויב זושא איז רייך און יענקל איז ארעם?

> **קיין איינער וועט נישט פארשטיין א צווייג וואס וויל זיין אן עפל, און אוודאי גייט קיינער נישט קלערן אז מען וואלט געדארפט אנדערש אויסשטעלן דעם בוים.**

כדי זושא זאל ווערן רייך און יענקל זאל ווערן ארעם, דארף מען קודם נעמען די גאנצע וועלט און אפמעקן פון דער מציאות!

אזוי קוקט עס טאקע אויס מיט די פליישיגע אויגן. און דא שטעקט דער טיפער דערהער וואס הייסט 'ביטול צום שורש העליון'. כדי זושא זאל ווערן רייך און יענקל זאל ווערן ארעם, דארף מען נעמען די גאנצע וועלט, מיט אלעס וואס עס איז נאר פאראהאן אין איר, אריינגערעכנט די העכערע וועלטן וואס מיר קענען אפילו נישט זען, און אלעס אפמעקן פון דער מציאות. נישטא מער. און יעצט קען מען גיין אנהייבן פונדאסניי אויסצושטעלן יענקל מיט זושא אנדערש ווי ביז יעצט.

עד כדי כך?! ס'הערט זיך אביסל איבערגעטריבן, סך הכל רעדט זיך נאר פון טוישן צוויי מענטשן, אבער דער אמת איז נישט אזוי. דער 'שורש' איז שוין דאס בעסטע אויסגעשטעלט, נישט נאר מיט די גרויסע דעטאלן, נאר אלעס ממש ביז צום קלענסטן פרט און פרט. ווען מען אנערקענט דאס אמת'דיג, זוכט מען טאקע נישט צו טוישן קיין שום זאך, ווייל עס איז נישט דא וואס צו טוישן און ס'איז נישט דא פארוואס צו טוישן.

ב

## לוינט זיך חרוב צו מאכן די וועלט פאר אפאר דאלאר?

### דער מזל פון ר' אלעזר בן פדת

דעם טיפן דערהער זענען חז"ל אונז מגלה אין א הפלא'דיג שטיקל גמרא.

די גמרא דערציילט (תענית כ"ה.) אז דער אמורא ר' אלעזר בן פדת איז געווען א בלוטיגער ארעמאן. איינמאל האט ער 'מקיז דם' געווען, ער האט געלאזט נעמען בלוט פאר געזונטהייט, א זאך וואס שוואכט זייער אפ דעם מענטש בשעת מעשה, און ער האט נישט געהאט וואס אין מויל צו נעמען נאכדעם זיך צוריקצוכאפן דאס חיות, נאר בלויז א שטיקל קנאבל. ער האט דאס טאקע געגעסן און ער איז תיכף פאר'חלש'ט געווארן.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער דערציילט פאר זיינע חברים אז ער האט זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט זיך געזעצט נעבן אים און אים געפרעגט, "מיין קינד אלעזר, פארוואס ביסטו טרויעריג?" און ער האט געענטפערט אז דאס איז ווייל ער איז שרעקליך ארעם. האט אים דער אויבערשטער געפרעגט, "וואלטסטו געוואלט אז איך זאל איבערדרייען די גאנצע וועלט און דיך באשאפן פונדאסניי? קען זיין אז דעמאלט וועסטו געבוירן ווערן אין א מזל פון עשירות..."

האט ר' אלעזר בן פדת געענטפערט, אז אויב נאכ'ן חרוב מאכן די גאנצע וועלט איז נאך אויך נאר אן 'אפשר' אז ער קען ווערן אן עושר, און ס'איז נישט זיכער, איז שוין בעסער אז די וועלט זאל בלייבן אזוויי עס איז, און ער איז מסכים צו בלייבן אן ארעמאן.

די גמרא איז לכאורה זייער שווער צו פארשטיין. האט דען דער אויבערשטער א פראבלעם צו געבן פאר ר' אלעזר בן פדת א באקוועמע פרנסה אן איבערצודרייען די וועלט? און צי דען האט אים דער אויבערשטער נישט געקענט צוגרייטן עפעס א שטיקל עסנווארג איידער ער איז פאר'חלש'ט געווארן, כדי דער הייליגער אמורא זאל נישט אנקומען צו א לעבנס-געפאר?

נאר דער פשט איז, אז אין די מינוטן וואס ר' אלעזר איז געליגן א פאר'חלש'טער, האט אים דער אויבערשטער מגלה געווען זיין 'שורש נשמה', און ר' אלעזר בן פדת האט געזען מיט א קלארקייט אז פאר אים איז פון דער ערשטער רגע אן באשטימט געווארן צו לעבן אין א שרעקליכער ארעמקייט און לערנען תורה מתוך הדחק, און דאס איז דאס בעסטע זאך פאר אים, און אויב אזוי איז דאס א זאך וואס איז נישט שייך צו טוישן.

ממילא האט ר' אלעזר איינגעזען אז עס איז דא א גאנצער אויסגערעכנטער חשבון, פון טויזנטער יארן און מיליאנען באשעפענישן וואס דארפן שטימען, און דאס וואס ר' אלעזר בן פדת איז אן ארעמאן איז שוין אזוי אויסגעשטעלט אין דער בריאה פון ששת ימי בראשית, און כדי מען זאל דאס טוישן דארף מען משנה זיין די גאנצע סדרי בראשית. [זע תוספת נופך אות ג'].

ווי נאר ר' אלעזר בן פדת האט דאס געהערט, האט ער זיך תיכף בארואיגט. ער האט אויפגעהערט צו בעטן צו דעם אויבערשטן צו טוישן זיין מזל אויף עשירות, און נישט נאר דאס, נאר אין ירושלמי (חגיגה פ"א ה"ח) שטייט אז אפילו נאכדעם ווען מ'האט אים געשיקט מתנות פון דער שטוב פונעם נשיא, צו ווענען ער איז געווען א קרוב, האט ער זיך אפגעזאגט דאס צו נעמען, רעאגירנדיג מיט'ן פסוק "שונא מתנות יחיה" (משלי ט"ו כ"ז), אז ווער עס האט פיינט מתנות איז זוכה צו לעבן.

מיט דעם האט ער געוואלט געבן צו פארשטיין, אז נאך וואס דער

האט דען דער אויבערשטער א פראבלעם צו געבן פאר ר' אלעזר בן פדת א באקוועמע פרנסה אן איבערצודרייען די וועלט?

אויבערשטער האט אים שוין מגלה געווען אז לויט זיין שורש נשמה מוז ער זיין אן ארעמאן, איז אויב ער גייט עס טוישן און נעמען מתנות גייט ער ח"ו אפשניידן זיין לעבן, ווייל זיין תפקיד אויף דער וועלט איז צו לעבן אין ארעמקייט, און נאר דעמאלט איז אים גוט און ער קען בלייבן לעבן.

דאס איז די נקודה פון 'ביטול צום שורש העליון'. אז א איד זאל וויסן אין סיי וועלכן מצב וואס ער איז, אז דער מצב איז שוין אויסגעשטעלט געווארן 'לכתחילה שבלכתחילה' אז דאס דארף אזוי צו זיין, דאס איז דאס בעסטע פאר אים, און נאר אזוי קען ער אויספירן זיין תפקיד דא אויף דער וועלט, און עס איז פשוט נישט שייך במציאות דאס צו טוישן.

### השתדלות דארף מען אייביג טון

פארשטייט זיך אליין אז ווילאנג דער אויבערשטער אליין איז נישט מגלה וואס אונזער שורש נשמה איז, ווייסן מיר דאס נישט. און דערפאר מוז נישט זיין אז איינער וואס איז יעצט אן ארעמאן גייט אזוי בלייבן אויף אייביג, אדער אז דער וואס האט שוואכע כשרונות גייט מוזן לעבן מיט דעם לעולם ועד.

פונקט אזוויי' ווען דער עפל וואקסט צום ערשט ארויס אויפ'ן בוים, איז ער קליין, ביטער און רוי, אבער מיט דער צייט וואקסט ער אויף און ער ווערט רייף, באקומענדיג א זיסקייט וואס ער האט קודם נישט געהאט. אזוי קען אויך זיין ביים מענטש, אז מיט דער צייט גייט זיין מזל אויפבליען.

מיט דעם אלעם באקומען מיר דא דעם שטארקן דערהער אז עס איז דא דער מושג פון 'שורש העליון', וואס דאס האט נישט קיין שום שינוי. דאס איז דאס בעסטע, טאקע פונקט אזוויי' עס איז, און דאס אליין אז עס נעמט צייט פאר דעם בוים זיך צו אנטוויקלען, און עס געדויערט ביז די פרוכט ווערט רייף, איז אויך אויסגעפלאנט אינעם שורש העליון.

ג

## ממליך זיין דעם אויבערשטן אין יעדן מצב

### יעדער מצב איז א לכתחילה

אין די ווייטערדיגע גליונות וועלן מיר בעזה"ה ברייט אויסשמועסן די מהלכים וויאזוי א איד קען זיך מדבק זיין צו זיין שורש. עס זענען דא פארשידענע וועגן וויאזוי אנצוקומען דערצו, אבער קודם כל לאמיר יעצט ארויסנעמען דעם עיקר יסוד וואס איז אונז נוגע למעשה אינעם טאג-טעגליכן לעבן.

ווען איינער טרעפט זיך אן אין א מצב וואס איז נישט אזוויי' ער וואלט געוואלט עס זאל זיין, דארף מען וויסן אז דער מצב אין וועלכן ער געפינט זיך יעצט איז א 'לכתחילה'. דאס איז פלאנירט און אויסגערעכנט פון אנפאנג אן אז עס גייט אזוי זיין, און דער אויבערשטער האט דאס איינגעלייגט אין דער בריאה נאך איידער דער מענטש איז בכלל באשאפן געווארן. און דער עיקר, דאס איז באמת דאס בעסטע וואס קען זיין, און אנדערש איז נישט גוט. והא ראיה, דער אויבערשטער האט עס אזוי געטון.

פארשטייט זיך אליין, און דאס מוז זייער קלאר באמערקט ווערן, אז דער אויבערשטער האט אויך געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי א מענטש זאל זיך פירן אויף דער וועלט. ער האט אונז געגעבן זייער א קלארע תורה און מצוות, און ער האט אונז באפוילן צו פאלגן די חכמים אין אלע דורות, וואס זיי וועלן אונז ווייזן דעם ריכטיגן דרך ה'. דאס אליין איז איינגעבויט אין דער בריאה, אז די וועלט האט נאר א קיום דורך דער תורה.

אבער מיט דעם אלעם, איז אפילו א דורכפאל, נאכדעם וואס דאס האט פאסירט, אויך פלאנירט געווארן פון אנפאנג אן. דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט, פאר דער סיבה וואס נאר ער אליין ווייסט, אז דער מענטש זאל האבן אזא און אזא דורכפאל, און עס איז גוט פאר אים, ווייל ער וועט נאר שטייגן דורך דעם.

אודאי וויל דער אויבערשטער אז דער מענטש זאל פאררעכטן דעם דורכפאל און טון וואס עס איז ריכטיג צו טון. מען טאר חס ושלום זיך נישט ארויסדרייען און זאגן אז אויב דער דורכפאל איז געווען פון הימל דארף מען גארנישט טון דערוועגן. ניין, דער באשעפער וויל יא אז מיר זאלן נעמען אחריות און פרובירן צו פארמיידן טעותים פון געשען, כאטש וואס דער דורכפאל אליין איז א קלארער חלק פונעם פלאן, אויסגערעכנט פון דער ערשטער רגע.

### אלעס איז אויסגעפלאנט אינעם שורש

דאס איז א דקות'דיגער דערהער, און עס זענען דא דערין מדריגות אויף מדריגות, ביז גאר הויך. אבער אויף אנצוהייבן למעשה, דארפן מיר קודם כל דערהערן אז 'ביטול צום שורש העליון' מיינט אז יעדער מענטש, אין יעדן מצב אין וועלכן ער געפינט זיך נאר, איז ער מחובר צום

> **ווען עס שטייט א איד היינטיגע צייטן און ער דינט דעם באשעפער אן קיין הויכע השגות, איז ער אסאך מער ממליך דעם רבונו של עולם ווי א פארצייטישער בעל השגה!**

> **אין יעדן מצב האט אונז דער אויבערשטער אליין אריינגעשטעלט, ממילא דארף מען טאקע אינעם יעצטיגן מצב ווייטער טון וואס דער אויבערשטער וויל אז מען זאל טון, און 'לעבן' מיט'ן מצב אזויווי עס איז.**

שורש. און ביים שורש איז שוין פון אנהייב געווען א שלימות פון דער גאנצער אנטוויקלונג וואס גייט למעשה ארויסקומען שפעטער, און דארט איז אלעס לכתחילה'דיג גוט, ווייל דער בורא עולם, וואס ער זעט אלעס וואס גייט פאסירן, פארשטייט וויאזוי יעדער קלענסטער טייל איז וויכטיג פאר דער שלימות פון דער בריאה.

נאכדעם וואס א מענטש אנערקענט דאס שוין, לעבט ער מיט'ן אויבערשטן אין סיי וועלכן מצב ער געפינט זיך נאר. עס קען זיין שווער און ביטער בגשמיות צי אפילו ברוחניות ח"ו, עס קען זיין פונקט פארקערט פון וואס ער האט זיך גערעכנט, אבער טאקע דארט איז ער קלאר אז אין דעם מצב האט אים דער אויבערשטער אליין אריינגעשטעלט, ממילא דארף ער טאקע אינעם יעצטיגן מצב ווייטער טון וואס דער אויבערשטער וויל אז ער זאל טון, און 'לעבן' מיט'ן מצב אזויווי עס איז.

## דווקא דער פויער איז ממליך דעם קעניג

די עבודה פון אננעמען דעם מצב אין וועלכן דער באשעפער האט אונז אריינגעשטעלט, ווערט גערופן 'ממליך' זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט'. און באמת איז דאס דער גאנצער תכלית פארוואס דער אויבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף דער נידריגער וועלט. יעדער איד באקומט דאך אזא הויכע, הייליגע נשמה פון דער כסא הכבוד. וואס זוכט א הייליגע נשמה אויף דעם פארגרעבטן עולם הגשמי?

נאר דער ציל איז טאקע אז מיט'ן כוח פון דער נשמה זאל מען אנערקענען אז אפילו אין דעם נידריגסטן ארט אין דער בריאה איז אלעס אויסגעשטעלט פון פאראויס מיט א פונקטליכן, העכערן פלאן. און מיט דעם וואס מען איז זיך מבטל דערצו, טוט מען אויף גאר אויסטערלישע זאכן, וואס מיר קענען אפילו נישט משיג זיין. מיר קענען עס אבער עטוואס דערנענטערן צום שכל מיט א משל.

ווען א קעניג שטעלט אויס די געזעצן פון זיין לאנד, פארשטייט יעדער איינער אז אפילו די פשוט'ע פראסטע דארפסלייט, וואס האבן נישט קיין שום השגה וויאזוי צו פירן א מלוכה, דארפן זיך אונטערטעניגן און אויספאלגן אלע געזעצן פונעם קעניג, און ווען א פשוט'ער דארפסמאן פאלגט געטריי דעם קעניג'ס געזעצן, ווייזט ער מיט דעם אז ער אנערקענט אז דער קעניג איז

## תוספת נופך

א] דער ענין אז עבודת ה' דארף זיין אויסגעבויט על פי שכל, איז מבואר אין ספה"ק קדושת לוי (פרשת וישלח ד"ה וירא) וזל"ק:

וְזֶהוּ הָרֶמֶז וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ, שֶׁהָעוֹבֵד עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה יוּכַל חָס וְשָׁלוֹם לְבַלְבֵּל. וְזֶהוּ וַיִּזְרַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ, שֶׁהִתְחִיל לַעֲבֹד הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בְּשֵׂכֶל, וְלָזֶה שֶׁעוֹבֵד בְּשֵׂכֶל אֵינוֹ יָכוֹל לְבַלְבֵּל אוֹתוֹ.

ב] דער ענין אז ביי בריאת העולם האט דער אויבערשטער שוין אויסגעפלאנט יעדע בריה וויאזוי עס דארף זיין, ווערט געברענגט אין מערערע ספרי קודש.

זע לדוגמא אין ספה"ק שערי אורה לרבי יוסף ג'יקטליה (שער שישי) וזל"ק:

וְאַחַר שֶׁהוֹדַעְנוּךָ זֶה הָעִקָּר הַגָּדוֹל, יֵשׁ לָנוּ לַחֲזֹר וּלְהוֹדִיעֲךָ שֶׁזֶּה הָיָה הַטַּעַם שֶׁכָּתַב בְּכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, אלקי"ם, לְהוֹדִיעֲךָ כִּי כָּל הַנִּבְרָאִים כֻּלָּן, נִבְרְאוּ בְּקַו הַדִּין וְהַיֹּשֶׁר, אֵין בָּהֶם נִפְתָּל וְעִקֵּשׁ. וּלְפִי שֶׁתִּמְצָא כַּמָּה בְּרִיּוֹת מְשֻׁנּוֹת זוֹ מִזּוֹ, וְכַמָּה בְּרִיּוֹת נָאוֹת, וְכַמָּה בְּרִיּוֹת מְכֹעָרוֹת, שֶׁמָּא תֹּאמַר שֶׁלֹּא מִן הַדִּין יָצְאָה זֹאת הַבְּרִיָּה מְכֹעֶרֶת וְזוֹ נָאָה, מִי גָּרַם לְזֹאת לִהְיוֹת נָאָה וּלְזֹאת לִהְיוֹת מְכֹעֶרֶת, וּמָה רָאָה ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁבָּרָא זוֹ מְכֹעֶרֶת וְזוֹ נָאָה, אוֹ מֶה חָטְאָה לוֹ הַמְּכֹעֶרֶת. מְשִׁיבִין לוֹ, דַּע כִּי ה' יִתְבָּרַךְ, כָּל הַבְּרִיּוֹת שֶׁבָּרָא, בָּרָא אוֹתָן בְּדַעַת וּבְקוֹמָה וּבְחֵפֶץ, וְכָל בְּרִיָּה וּבְרִיָּה שֶׁבָּרָא, הֶעֱמִידָהּ לְפָנָיו וְאָמַר לָהּ, דְּעִי שֶׁאַתְּ בְּצוּרָה זוֹ, בְּאֵבָרִים אֵלּוּ, בְּשִׁעְבּוּד זֶה, וּבְמֶמְשָׁלָה זוֹ, וְעַתָּה אִם תַּחְפְּצִי בָּזֶה, אִמְרִי, וְאִם לָאו הֲרֵי אַתְּ כְּמִי שֶׁלֹּא נִבְרֵאת. וְהֵשִׁיבָה כָּל בְּרִיָּה וּבְרִיָּה וְאָמְרָה, בָּזֶה אֲנִי חֲפֵצָה וְשִׂמְחָה בָּעִנְיָן הַגָּדוֹל הַזֶּה וְכוּ'. וְאַחַר שֶׁהוֹדַעְנוּךָ זֶה, יֵשׁ לְךָ לְהַאֲמִין כִּי בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה הַנִּקְרָא אלקי"ם, נִסְתַּכְּמוּ עַל כָּל בְּרִיָּה וּבְרִיָּה, וְעַל כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר שֶׁהוּא רָאוּי לִהְיוֹת כָּךְ, וְהוֹשִׁיבוּהוּ עַל כַּנּוֹ, וְהֶעֱמִידוּ כָּל בְּרִיָּה וּבְרִיָּה וְכָל אֵבֶר וְאֵבֶר מֵאֵיבְרֵי הַגּוּף עַל מִתְכֻּנְתָּם, בְּעִנְיָן שֶׁאֵינוֹ רָאוּי בְּעִנְיָן אַחֵר לִהְיוֹת יוֹתֵר טוֹב מִזֶּה [עיי"ש עוד בכל דבריו הארוכים].

ג] זע ווי דער אלשיך הק' (משלי פרק ג') איז מבאר די גמרא פון ר' אלעזר בן פדת אז דער מענטש איז געבוירן געווארן געניי אין דעם מזל וואו ער דארף זיין, וזל"ק:

וְזֶה יִהְיֶה עִנְיָן לָאו בִּזְכוּתָא תַּלְיָא מִלְּתָא אֶלָּא בְּמַזָּלָא, לוֹמַר בַּל יֹאמַר אִישׁ אֲנִי אַרְבֶּה זְכוּת וְאַעֲשִׁיר, שֶׁלֹּא בִּזְכוּת תַּלְיָא מִלְּתָא אֶלָּא בְּמַזָּלָא אֲשֶׁר סִדְּרוּ לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם עַל פִּי דַּעַת עֶלְיוֹן עַל יְדֵי בְּחִינוֹתָיו, כִּי 'קֵל דֵּעוֹת ה'' (שמואל א' ב, ג), אוֹ עַל הַגִּלְגּוּל הַקּוֹדֵם, אוֹ כִּי יָדַע הוּא יִתְבָּרַךְ כִּי הָעֹשֶׁר יְהוֹלֵל הֶחָכָם הַהוּא וִיבַטֵּל מֵהַתּוֹרָה, וּלְטוֹבָתוֹ הֱבִיאוֹ בְּמַזָּל הַהוּא. וְזֶה יִהְיֶה עִנְיַן ר' אֶלְעָזָר בֶּן פְּדָת שֶׁאָמַר לוֹ הקב"ה אַחְרִיב לֵהּ לְעַלְמָא לְגַלְגְּלוֹ שֵׁנִית שֶׁהוּא חֻרְבַּן עוֹלָם, כִּי הָאָדָם לְעוֹלָם קָטָן יֵחָשֵׁב, דִּלְמָא תִּהְיֶה בְּחִינָה לְאַחַר שֶׁיִּוָּלֵד בְּמַזָּל מְזוֹנוֹת, וְכֵן יֵשׁ לְפִי הֲכָנַת נַפְשׁוֹ יִצְטָרֵךְ לִשְׁלֵמוּתוֹ לַהֲפֹךְ טִבְעוֹ, יְבִיאֶנּוּ בְּמַאְדִּים לְצָרְפוֹ אִם יְהֵא אָשִׁיד דָּמָא, אוֹ עַל הַקָּצֶה הָאֶחָד לִהְיוֹת מוֹהֵל אוֹ דַּיָּן, אוֹ בֵּינוֹנִי לִהְיוֹת טַבָּחָא אוֹ אֻמָּנָא, וְהַהֶקֵּשׁ כַּאֲשֶׁר בְּמַזָּל צֶדֶק שֶׁבְּחִינַת נַפְשׁוֹ צְרִיכָה עֵזֶר מְעַט. כְּלַל הַדְּבָרִים, שֶׁעַל פִּי הֶעָתִיד לְכָל אָדָם יִוָּלֵד כּוֹנֵן שָׁמַיִם מֵאָז, וְזֶהוּ אָמְרוֹ 'כּוֹנֵן שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה', שֶׁהוּא דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר שֶׁמִּתּוֹךְ הַמְּעֻתָּד לְכָל אִישׁ הוֹצִיא תְּכוּנַת הַשָּׁמַיִם מֵאָז.

**א מענטש זאל אריינגעמען אין קאפ אז דאס ווילן זיין אנדערש ווי עס איז, האט נישט קיין שום פשט, ווייל אלעס איז שוין געווארן אויסגעשטעלט פונקטליך ווי עס דארף זיין, אינעם שורש העליון.**

אסאך קלוגער און פארשטענדליכער פון זיין באגרעניצטן פויערישן פארשטאנד.

און טאקע דער אומוויסנדער פויער וואס פאלגט דאס געזעץ אן צו פארשטיין, מאכט דערמיט גרויס דעם קעניג׳ס נאמען, מיט׳ן ווייזן אז אלע בירגער טוען אנערקענען אין זיין מאכטפולער קעניגרייך, אז דאס איז דאס בעסטע וואס קען נאר זיין, און אפילו ווער עס הייבט נישט אן צו וויסן אדער צו פארשטיין פארוואס דער קעניג האט אזוי באפוילן, וועט ער פונדעסטוועגן זיך נישט טרויען צו טון אנדערש פון דעם קעניג׳ס באפעל.

ממילא קומט אויס אז דווקא אין אונזער נידריגן דור, וואס איז פול מיט אזויפיל שוועריגקייטן און נסיונות, פארמאגן מיר די חשוב׳סטע אויפגאבע - ממליך צו זיין דעם רבונו של עולם און אים דינען פון דער חשכות, און אנטפלעקן זיין גרויסקייט אפילו אין די שוואכסטע צייטן. ווען עס שטייט א איד היינטיגע צייטן און ער דינט דעם באשעפער אן קיין הויכע השגות, איז ער אסאך מער ממליך דעם רבונו של עולם ווי א פארצייטישער בעל השגה.

דאס איז די שטארקסטע כוח צו מפרסם זיין דעם אויבערשטנ׳ס מלוכה אויף דער וועלט, און דאס איז טאקע דער הייליגער תפקיד וואס ער האט ארויפגעלייגט אויף אונז.

## ביטול צום שורש - די שכל׳דיגסטע זאך

כאטש וואס די אויפגאבע פון ממליך זיין דעם אויבערשטן ווערט געטון אן פארשטיין און אן וויסן, קענען מיר אבער יא פארשטיין אז דאס עצם זיך מבטל זיין צום רצון ה׳ איז זייער א שכל׳דיגע און פארשטענדליכע זאך.

פונקט ווי מיר האבן פארשטאנען אינעם משל אז עס האט נישט קיין פשט אז דער צווייג זאל ווילן זיין אן עפל, אזוי דארף א מענטש זיך אריינעמען אין קאפ אז דאס ווילן זיין אנדערש ווי עס איז האט נישט קיין שום פשט, ווייל אלעס איז שוין געווארן אויסגעשטעלט פונקטליך ווי עס דארף זיין, אינעם שורש העליון, כביכול אין דעם רצון הבורא, נאך איידער בריאת העולם. ממילא איז דער ביטול וואס מיר האבן צום רצון הבורא זייער א קלארע און פארשטענדליכע זאך.

אין אנדערע ווערטער, אונזער פליכט איז צו מבטל זיין אונזער רצון צום רצון הבורא, כאטש מיר פארשטייען נישט פארוואס זאכן זענען אזויווי עס איז. אבער דער עצם פאקט אז מיר דארפן זיך מבטל זיין צום רצון הבורא, איז נישט נאר א חיוב גמור אלס מאמינים בני מאמינים, נאר איז אויך א קלארע אויסגעבויטע זאך מצד השכל.

אז מען איז זיך מתבונן דערין איינמאל און נאכאמאל, ווערט עס אזוי גוט אריינגעבויט אין מוח, און אזוי קלאר ביים מענטש, אז ער קען שוין נישט טראכטן אנדערש. ביי יעדן מצב וויל ער זיך נאר צושטעלן צום רצון הבורא, און ער פרובירט אפילו נישט צו קלערן אז דאס און דאס שטימט נישט, ווייל ער ווייסט אז אין דעם שורש העליון איז אלעס הערליך, ליכטיג און קלאר!

---

# חסיד׳יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זה

- **ווען א מענטש איז אומצופרידן פון זיין מצב, איז זיין טענה נישט לאגיש און גייט כביכול קעגן דעם רצון ה׳.**
- יעדער מצב פון א מענטש איז לכתחילה געווארן אויסגעשטעלט אזוי פון פאראויס אינעם שורש העליון.
- **אין דעם שורש העליון איז אלעס גוט, קלאר און ריכטיג, אויפ׳ן בעסטן אופן וואס איז שייך, אפילו עס דאכט זיך אונז אנדערש.**
- ווען א מענטש האט א דורכפאל איז דאס אויך דאס בעסטע פאר אים, כדי ער זאל שטייגן דערפון.
- **כדי צו טוישן אפילו די קלענסטע איינצלהייט פון דער בריאה, וואלט מען געמוזט משנה זיין סדרי בראשית.**
- מיט דעם וואס מיר זענען זיך מבטל צום שורש, זענען מיר ממליך דעם אויבערשטן אויף דער וועלט.
- **ביטול צום שורש העליון איז דער שכל׳דיגסטער מהלך צו לעבן.**

---

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ״ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com